אין „פאלים קאורט"

ווער האט איהם געוואלט בארויבען?

פאראכטאגען מאנטאג, ריכטיגער גערעדט, דינסטאג, ווייל ס'איז געווען פינף מינוט נאך צוועלף ביינאכט, איז דזשאן אליווער, געהענדיג אהיים אויף לאנג עווענו, באפאלען געווארען פון „דריי חברה" - לייט.

וואס זיי האבען פון איהם געוואלט, ווייסט ניט אליווער, אבער ער שטויסט זיך אן, אז מסתמא האבען זיי געוואלט באקענען זיך מיט זיין פינאנציעלען צושטאנד. אויספעעט האבען די חברה - לייט בלויז צו באקענען זיך מיט אליווער'ס פיזישען צושטאנד.

— איך האב זיך געוועהרט קעגען זיי, געגעבען קלעפ מיט די הענט, געביסען מיט די ציין און אויפגעהויבען אזא גוואלד, דאס זיי האבען זיך אפגעשראקען און זיינען אנטלאפען אין א דערביי - שטעהענדען אויטאמאביל.

— זיינען דאס געווען די אנפאלער? — פרעגט דער ריכטער, אנווייזענדיג אויף דזשארדזש דזשאראדאו, וואלטער ניפאן, און הארלד פאלטען, וועלכע שטעהען אין "דאק".

— יא, אליווער איז זיכער, אז דאס זיינען זיי. די גרויסע טויגעניכטסען, וועלכע האבען זאלבעדריט ניט געקאנט בייקומען איהם.

זאגט אבער דזשאראדאו, אז ער איז נאך יענע שטונדע געשלאפען, ווי א דערהרג'טער און אט איז זיין מאמע, וועלכע קען עס באשטעטיגען.

שווערט זיך די אלטע מאמע מיט א ציטערנדען קול, אז איהר זון איז דער בעסטער און דער ערנטליכסטער, וואס א מאמע האט ווען עס איז געהאט, און ווי האט מען עס א הארץ צו באשולדיגען איהר זון, איהר טייערע דזשאראדאו.

דערציילט ניפאן, דער צווייטער פון דער "טריא", אז יענע נאכט און אין יענער שטונדע האט ער גאר פארבראכט מיט זיין הארצענס - אויסדערוועהלטער, און אט איז זיין "סוויט - הארט" און זאל זי זאגען צי עס איז ניט אמת.

רויטעלט זיך דאס מיידעל, לאזט פארשעהמט ארונטער די גרויסע, בלויע אויגען, פארהוקט חן'עוודיג מיט די לאנגע, בלאסע פינגער און ארונטערפאלענדע לאק הינטער'ן היטעלע און דערציילט פארטרויליך דעם ריכטער:

— מיר זיינען געווען צו א "שאו" און מיין וואלטער האט מיך נאכהער אפגעפיהרט אהיים. אין מיין צימער האבען מיר נאך לאנג פארבראכט ערשט, ווען עס האט גענומען טאגען, האט וואלטער מיך פארלאזען. קיינמאל געהט וואלטער אהיים פריהער פון צוויי - דריי א זייגער.

און דער דריטער, פאלטען, האט אויך געהאט א שטארקע "אליבי". ער איז גאר געווען אין א רעסטאראן, ווען דער איבערפאל איז פארגעקומען.

האט ווער פון די אנגעקלאגטע א שלעכטע פארגאנגענהייט? — פרעגט דער ריכטער און דאס איז געווען א סימן, אז ער האט גענומען צווייפלען אין זייער שולד.

באקומענדיג א נעגאטיווען ענטפער, האט דער ריכטער באפרייט די "טריא".

גרויס איז געווען די פריידע פון פאלטאן'ס פריינט, נאך מעהר גליקליך איז געווען ניפאן'ס "סוויטהארט" דער־יאה האר איז פון איהר פרעהליכען שפרונג ווידער ארונטערגעפאלען אויף'ן שטערען און פארשטעלט א לאבענדע בלויע אויג, אבער איבערגליקליך איז געווען דזשארדאן'ס אלטע מוטער, פריידענס - טרערען האבען זיך געקייקעלט איבער איהר צוראנצעלטע באקען. די רעפוטאציע פון איהר הזשארדוס, איהר אייגענע רעפוטאציע אלס זיין מוטער, איז געראטעוועט געווארען.

און אזוי איז די גרויסע געהיימניס: ווער עס האט געוואלט בארויבען דעם בידער דזשאן אליווער, געבליבען ניט קיין געלעטע.

צוויי שנאפס - הענדלער מיט א פארשידענעם מזל.

אין תוך גערעדט האבען זיי ביידע, טעם סאליוואן און דזשאו מעקאוואי, ניט געהאט קיין מזל. ביידען האט מען געכאפט פארקויפענדיג שנאפס. אבער דאך איז פון איינעמ'ס מזל ביז'ן צווייטענ'ס געווען א היפשער אונטערשיעד.

סאליוואן איז פארגעבראכט געווארען אויף דער קלאגע פונקט עלף א זייגער אין דער פריה, ווען אויפ'ן ריכטער שטול איז געזעסען דער גרויזאמער דעניסאן, וועלכער האט מכבד געווען דעם אנגעקלאגטען מיט 12 הונדערט דאלאר און א חודש תפיסה דערצו.

מעקאוואי איז פארגעבראכט געווארען פינף מינוטען שפעטער, ווען דער ווייכהארציגער דזשאנס האט אויסגעטיילט גערעכטיגקייט, און דער שנאפס־הענדלער איז שוין אפגעקומען בלויז מיט

צום אונגליק מוז מען אויך האבען מזל, בקיצור מיינע.

די טראגעדיע פון א בולגאר.

ביז אייערנעכטען איז דער בולגאר קאראפעל זענגל געווען א גליקליכער מענש. א פריינט האט ער געהאט א גוטען איבערגעגעבענעם פריינט געלט האט ער געהאט, און ווען ער איז געשלאפען אויף זיין בעטעל ערגעץ אין א צימער'ל אויף דאנדעס סטריט וועסט האט זיך איהם געחלום'ט גוטע חלומות, ווייל זיין זייט איז געווארימט געווארען

— אוועק, מ'אוס'ע גערדאנקען! — פון די 531 דאלאר, וואס זיינען געלעגען אונטער'ן מאטראץ.

איצט איז אבער א צער א קוק צו טאן אויף דעם בולגאר. און אומגליק האט אים געטראפען, אין איין טאג האט ער דאס געלט פארלארען, די גוטע חלומות האבען זיך אפגעטון פון איהם און — דאס ערגסטע — זיין פריינט, זיין טייערער אירא מיהייטש האט עס אלעס פאראורזאכט.

— פון וואנען ווייסטו, אז ער האט דאס געלט צוגענומען? — פרעגט דער ריכטער.

— ער איז דאך געווען מיין פריינט, ער האט דאך געוואוסט, וואו דאס געלט ליגט.

— האסטו ניט פארשלאסען די טיר, ווען דו ביזסט אוועק אין דער פריה צו דער ארבייט?

— יא, אבער ער האט געוואוסט, וואו איך האלט דעם שליסעל.

דאס איז אבער געווען ווייניג פאר דעם ריכטער און חוץ דעם האט די פאליצי ניט געפונען קיין געלט ביי דעם אנגעקלאגטען.

אפילו קיין נקמה האט דער בולגאר ניט געקענט נעהמען. פאר דאס שווער - בארהארעוועטע געלט, פאר דעם באטרוג פון פריינטשאפט, פאר די זיסע, גוטע חלומות, וועלכע האבען אים איצט, פאר א לאנגער צייט פארלאזען.

פוילישער קריגס-מיניסטעריום באפעהלט צו העלפען די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע

פאלגענדער באפעהל איז ארויסגעגעבען געווארען פון פוילישען קריגס - מיניסטעריום; דאטירט: ווארשא, 30־טען אקטאבער:

"דאס קריגס - מיניסטעריום באשטעטיגט, אז די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פאר די אידישע מלחמה - ליידענדע איז א גאנץ - גוט באקאנטע אמעריקאנער געזעלשאפטליך - וואוהלטעטיגע ארגאניזאציע פון גרויסען איינפלוס. די פוילישע אפטיילונג פון דער קאמיטע פארטיילט הילף און שטיצע צווישען די נויטבאדערפטיגע אין דער גאנצער טעריטאריע פון דער פוילישער רעפובליק אהן רעליגיעזען אונטערשיעד.

"דאס קריגס מיניסטעריום פאדערט דעריבער אויף אלע מיליטערישע בעאמטע צו געבען הילף און שטיצע דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע אין יעדער ארבייט, וואס איז פארבונדען מיט איהר טעטיגקייט, ספעציעל אין פאלען, ווען עס איז נויטיג געזאלין, אויל און עהנליכע ארטיקלען."

אונטערגעשריבען: וויצע מיניסטער, גענעראל לייטענאנט דע ה. — מיכאעליס.

550 אפגעפאהרען קיין פאלעסטינא.

פון איהר פארשטעהער אין קאנסטאנטינאפאל האט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיסיע געקראגען פאלגענדע קייבעל: •

קאנסטאנטינאפאל, דעצעמבער 6.

דעם 25־טען נאוועמבער זענען מיט דער שיף "אומבריא" אפגעפאהרען 550 עמיגראנטען קיין פאלעסטינא. די צאהל פון די עמיגראנטען קיין פאלעסטינא און אמעריקא, וואס זענען נאך דא פארבליבען, איז ביי 800. איצט זענען אנגעקומען ארום 2000 פליכטלינגע פון אוקראינע און קריעם. זייער צאל וואקסט מיט יעדען טאג.

מיר האבען פאר זיי איינגעארדענט אזוי פיעל הייזער צום וואוינען, וויפיעל מען האט נור געקענט קריגען. אבער עס זענען נויטיג ביליגע רעסטאראנען און טיי - הייזער. די לאגע איז קריטיש. עס

איבערשטייגט אלע
פאר ריינקייט, געשמאק און ארומאט
"SALADA"
TEA

אויב איהר האט נאך ניט פרובירט שיקט אונז א פאסט קארטעל נאך א פרייען סעמפעל, שרייבט דעם פרייז וואס איהר צאהלט, און אויב איהר געברויכט שווארצע, גרינע אדער געמישטע טהעע. אדרעסירט סאלאדא טאראנטא.

ווייסט איהר, אז רייז וואקסט כמעט אין וואסער?

ווען איהר זיצט ביים טיש, מיטאג־צייט, צום ביישפעל, און אייער פרוי דערלאנגט אייך א שיסעלע מיט ווייסע, געקאכטע רייז, בעגאסען מיט מילך, וואס איהר עסט מיט אזא אפעטיט, פאלט אייך דערביי מסתם קיינמאל ניט איין א טראכט צו טון, פון וואנען די דאזיגע ווייסע קערנדעליך האבען זיך צו אונז דערקומען, און וויפיעל ארבייט מענשען געבען אוועק, איידער דאס קליינע, ווייסע רייז קערנדעל איז פארטיג, אז מען זאל עס אייך דערלאנגען צום טיש און ווען עמיצער זאל קומען און אייך דערציילען אז רייז ווערט געוואקסען כמעט אין וואסער, וואלט איהר זיכער אויסגעשטעלט מויל און אויערען, אבער דער אמת איז, אז רייז קען אנדערש ניט וואקסען, סיידען אויף געדיכטער, ליימיגער, אדער ווי מען רופט עס דא, קליילאנד, און די פלאנצען מוזען זיך שטענדיג געפינען אין וואסער.

ארום 80 פראצענט פון די רייז וואס ווערט געוואקסען אין אמעריקא קומט פון דער סויטה, וואו דאס לאנד ווערט בעוואסערט אדער פון טייכען, אדער פון ספעציעל געגראבענע ברונעמס. דאס גאנצע רייז פעלד איז צושניטען אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אזעלכע קליינע שמאלע, ריטשקעלאך, דורך וועלכע דאס וואסער פון קאנאל, טייך אדער ברונען, ווערט צושפרייט איבער'ן גאנצען פעלד און טרינקט אן די פלאנצען. דאס איז די זאגענאנטע קינסטליכע באוואסערונג "אירינייטשאן", אהן וועלכע קיין איין רייז־פלאנץ וואלט ניט געקענט אויפוואקסען.

כמעט די גאנצע צייט וואס די רייז וואקסט ווערט דאס פעלד געהאלטען אין א פארפלייצטען צושטאנד. דאס גאנצע פעלד קוקט אויס ווי א טייך. בלויז די לעצטע טעג איידער די רייזקערנדלאך הויבען אן צו צייטיגען זיך, ווערט די וואסער אבגעצויגען פון דעם פעלד און עס נעהמט ניט לאנג ביז דאס גאנצע פעלד באדעקט זיך מיט דער רייז בליהונג און די קערנדלאך הויבען אן זיך צו פארביירען און צייטיג ווערען. שפעטער, ווען דאס שווערקייט פון די קערנדלאך הויבט אן איינצובויגען די פלאנצען קומען די שניטער — היינטיגע צייטען ווערט דאס געוועהנליך געטאן מיט א שנייד מאשין, וועלכע שניידט און בינדט די רייז פלאנצען און ווארפט ארויס פארטיגע, געבונדענע סנאפעס. די סנאפעס ווערען אויסגעשטעלט אויף'ן פעלד אין גלייכע ליניעס צום טריקענען זיך, דאן קומט דער דרעש מאשין, און די רייז געהט דורך די זעלבע פראצעדור ווי ווייץ האבער און עהנליכע תבואות, ביז עס ווערט געפאקט אין זעק און צושיקט וואו מען בעדארף. געוועהנליך אין די מיהלען, וואו די רייז ווערען גערייניגט, געוואשען און געמאהלען.

די ענטשטעהונג פון רייז אויף דעם אמעריקאנעם בארדען איז, אייגענטליך פארבונדען מיט א שטיק ראמאנטישער געשיכטע און האט פיעל צו פארדאנקען דעם צופאל פון א בייזען שטורעם ווינד. דאס איז געווען אין דעם יאהר 1694, ווען דער ווינד האט צוגעטראגען צו די קאראליינא ברעגען אן ענגלישע שיף, געהענדיג פון מאדאגאסקאר. די שיף האט אראפגעבלאנדזשעט פון וועג און איז שטארק צושעדיגט געווארען פון דעם שטורעם ווינט אויף'ן ים. די שיף האט זיך אנגעשטעלט אין טשארלסטאן וואו זי האט געדארפט צורעכט געמאכט ווערען.

טשארלסטאן איז דאמאלסט געווען א קאלאניע מיט א קליינער צאהל מענשען, פונדעסטוועגען האבען זיי געטאן אלעס פאר דער באקוועמליכקייט פון זייערע געסט, די מאנשאפט פון דער שיף, און געזוכט צו העלפען זיי מיט אלץ וואס מעגליך, אז זיי זאלען קענען פארטזעצען זייער רייזע אויף'ן ים. דער קאפיטאן פון דער שיף און זיינע מענשען האבען גאר ניט געוואוסט מיט וואס אבצודאנקען זיי פאר זייער גאסטפריינדליכקייט.

דער קאפיטאן האט אויף דער שיף געהאט אביסעל רייז, וואס ער האט געפיהרט קיין ענגלאנד. אביסעל פון דעם האט ער ארונטערגענומען און געלאזען די קאלאניסטען אלס אויסדרוק פון דאנק־

אזוי די רייז פלאנצען דארפען קולטיווירט ווערען, דאן איז די שיף א צורעכט געמאכטע אפגעפאהרען אויף איהר וועג, הזין ליווערפול, ענגלאנד.

פון אט דעם קליינעם ביסעלע רייז־זריעה האט זיך דאס אנגעהויבען די גרויסע רייז אינדוסטריע אין אמעריקא. די קאראליינא איינוואוינער האבען די רייז פארזייעט און עס האט לאנג ניט גענומען ווי זיי האבען געהאט גענוג ניט נאר פאר זייער אייגענעם געברויך נאר אויך פאר דעם געברויך פון זייערע שכנים אין דזשארדזשיא, וועלכע האבען נאכגעפאלגט דעם ביישפיעל און אנגעהויבען פלאנצען רייז אויף זייערע פעלדער פאר זייער אייגענעם געברויך.

עס פארשטעהט זיך אז דאס האט זיך ניט געטאן אזוי שנעל ווי עס ווערד צעהלט זיך איצט, און אז עס האט גענומען א גאנץ היבשע צייט איידער די איינוואוינער פון לואיזאנא האבען זיך דערוואוסט פון דער דאזיגער נייער פלאנץ און האבען זי אריינגעבראכט אויך אין זייערע מקומות, זיי האבען אויסגערעכענט אז די פיעלע שטראמען און טייכען וואס געפינען זיך אין דעם דרום טייל פון לואיזאנא וועלען זיין גענוג צו צושטעלען זיי וואסער פאר די רייז פעלדער וואס זיי וועלען פלאנצען. זיי האבען דעמאלט נאטירליך, ניט געקענט פאראויסזעהן אז די רייז אינדוסטריע וועט זיך אזוי שנעל און אין אזא גרויסער מאס ענטוויקלען, אז אלע לענדער זייערע, וועלכע האבען געקענט באוואסערט ווערען פון זייערע נאטירליכע טייכען, וועלען ניט זיין גענוג און זיי וועלען מוזען זוכען קינסטליכע מיטלען ווי אזוי אויף א קינסטליכען אופן צו באוואסערען אויף אנדערע טיילען פון לאנד, צוליעב דער גרויסער נאכפראגע אויף רייז.

א טראגעדיע

פון ארקאדי אווערטשענקא

א רעסטאראן - זאל. פוסט. בלויז ביי איין טישעל זיצען — מאן און ווייב ביי א צווייטען טישעל, ווייט פון מאן און ווייב — אן עלעגאנטער יונגערמאן.

ביי דער וואנד — דרעמעלט דער לאקאי, מאט ווי א פליעג אין הערבסט.

עס הויבט זיך אן דערמיט, וואס דער מאן ווארפט א גאנצען האגעל פון בייזע בליקען: א מינוט אויף'ן ווייב, א מינוט אויף'ן יונגען מאן.

ענדליך האלט דער מאן נישט אויס, שפרינגט אויף, טוט נערוועז אן די הענטשקעס, פארלעגט די הענט און געהט צו צום עלעגאנטען יונגען מאן.

— מיין הערר! !

— מיין הער? — הויבט אויף דער יונגער הער גלייכגילטיג איין ברעם.

— איך האב באמערקט, אז איהר האט געקוקט אויף מיין ווייב.

— איהר מוזט דאך אליין מודה זיין, אז איך קאן מיר נישט ארויסשרויפען די אויגען און באהאלטען אין קעשענע ערגעץ ביז איך דארף זיי אהינטון!

— יא! גאר איהר האט אויף איהר געקוקט מיט א באזונדער בליק.

— פון וואנען ווייסט איהר — אפשר זעהען מיר אלע בליקען באזונדערע.

— איהר האט אויף איהר געקוקט מיט א ליעבע - בליק ! !

— דארפט איהר שטאלץ זיין, וואס אייער ווייב קאן ערוועקען אזא ערנסט געפיהל.

— אה, איהר מאכט נאך חוזק פון מיר! אויב אזוי — נאט אייך!

דער מאן שלעפט אראב א הענטשקע און ווארפט זי ווילד דעם יונגען מאן אין פנים אריין.

— וואס באדייט עס?

— איך האב אייך א הענטשקע געווארפען! איך רוף אייך ארויס אויף א דועל!

— אה, ביטע זעהר! איך הויב אויף די הענטשקע. וואס איהר האט מיר געווארפען. און איך נעהם זי אן.

— וואס הייסט עס, איהר נעהמט זי אן? איהר דארפט זי מיר אפגעבען!

— ס'הויבט זיך נישט אן! אין דורראסאוו'ס דועל - קאדעקס שטעהט . . .

— איך שפיי אויף אייער דועל - קאדעקס, בשעת די הענטשקעס קאסטען מיר 28 טויזענט!

— אט, אט די הענטשקעס? לאזט געמאך!

— האלט איהר מיך פאר א ליגנער?

איך האלט אייך נישט פאר קיין ליגנער, גאר מ'האט אייך פשוט באַזול'ט שרעקליך באריסען. איך קאן אייך שאפען א טוץ אזעלכע הענטשקעס פאר צוויי מאל הונדערט טויזענט.

— באמת? אפשר א גראס?

— אדרבא! וועלכע נומערען?

— איך וועל אייך באלד פארשרייבען, איין מינוטעלע.

ביידע הויבען אן פארשרייבען אין די נאטיץ - ביכלאך.

דאס ווייב, וואס האט אויפגערעגט צוגעקוקט זיך צום אנהויב פון דער דראמאטישער סצענע, הויבט פלוצלונג אן צו בלייפען.

— וואס איז דאס — דרעהט זיך אום דער מאן, — וואס איז געשעהן? ווארט, מיר ענדיגען שוין.

— דו ענדיגסט שוין? ! אה, קריכעדיגער ווארם. א טוץ הענטשקעס איז דיר טייערער ווי דיין ווייב'ס כבוד. איך האב מיך לאנג געוואקעלט און געצווייפעלט אין דיין נישטיגקייט . . . איצט אבער — אך! אוים צווייפלען: איך קאן מעהר קיין איין מינוט נישט זיין אונטער איין דאך מיט אזא האנדעלס - אינדוסטריעלער פארעהעניש מיט אזא צוקראבענער מיאוס'קייט! איך געה אוועק פון דיר.

— אום גאטעס ווילען, קאמיא, ליעבבענקע.

— אראפ פון מיין וועג! גיב מיר א מיליאן און איך געה אוועק אויף אייביג פון דיר!

— ענטשולדיג, נאר איך האב געקראגען פון דיר נדן בלויז 12 טויזענט.

— יא! אכט יאהר צוריק, ווען אונזער גאלדענער צעהן רובל שטיק האט געקאסט צעהן רובל, (ווערט [illegible] יונגער מאן) הערט מאר, איהר [illegible] וואלטען איצט געקאסט אם די [illegible] מיליאנען! אנו, שנעלער!

— די מינוט! איב'ל בארעכענ[illegible]

— נו? וואס - ישע? — [illegible] רענערוויזט זיך) — שנעלער!

— אט שוין, לויט'ן באלד - [illegible] טרעפט עס 183 מיליאן מיט [illegible] זענט.

דאס ווייב, ענערגיש:

— זעסט שוין, באנדיט? גיב מיך אפ מיינע 183 מיליאן!

— ווארטנאר . . . מיר האבען [illegible] דאך צוזאמען פארלעבט: ווייסט [illegible] נעהם זיבען הונדערט טויזענט.

— א מיליאן ! !

דער מאן נעהמט ארויס געלד [illegible] קעשענע:

די פרוי געהט צום אויסגאנג. [illegible] קעהרט זיך צוריק:

— אך, אומעטום דערלעגט [illegible]

— יא, איך האב גאר [illegible] גיב מיר נאך זעקס הונדערט טויזענ[illegible]

— פאר וואס? !

— וואס הייסט פארוואס? איך [illegible] מיר דאך ארויס פון דיר! [illegible] איך באפריי מיין צימער, [illegible] איהם באלד פארדינגען — איך קען [illegible] דיך — און וועסט שלעפען פאר [illegible] הונדערט טויזענט מאנאטליך! [illegible] זשע מיר פאר'ן ערשטען יאהר די [illegible]

דער מאן כאפט זיך פאר'ן קאפ.

— און איך האב דיך אזוי [illegible] קעלנער, די רעכנונג!

— ווא - אס? — שרייט דער [illegible] הורכזעהענדיג די רעכנונג — [illegible] שעל אזא געמיינעם ווין [illegible] פופצעהן טויזענט ?!

— אבער אום גאטעס ווילען, [illegible] עס קאסט זיך אליין 11 טויזענט.

— אזא אשפה? איך וועל [illegible] אליין פארהויפען צו גיין א חאלבם [illegible] פיעל איהר ווילט גאר אליין!

— געמאכט! צוויי קאסטענס [illegible] איהר? פראנקא - רעסטאראן.

ביידע זעצען זיך צום טישעל. [illegible] שרייבען דאס געשעפט און דער [illegible] בער צייט גנב'עט זיך צו דער יונגער[illegible] וואס איז אליין געבליבען צו דער [illegible] און רוימט איהר עפעס איין אין [illegible]

— פראנקא אייער דירה? — [illegible] די דאמע שמייכלענדיג.

— פראנקא וועלכען צימער איהר ווילט.

ביידע לאכען. ער נעהמט זי אונטער'ן האנט אן.

דער מאן ענדיגט גענוי פארשרייבען אין זיין נאטיז דאס נייע געשעפט.

— קעלנער! און וואו איז מיין [illegible]

— זי איז אוועק מיט יענעם יונגען מאן.

— אה, גאט! — שרייט אויס דער מאן מיט א קרעכץ און לאזט אראפ דעם קאפ אויף די הענט — ווי שרעקליך! !

ער בלייבט שטיל.

דער געריהרטער קעלנער בויגט זיך איין איבער איהם און גלעט איהם ליעבליך איבער'ן פלייצע:

— איהר ליידט שטארק, הער?

— א פראנקע! א גראס הענטשקעס. צוויי הונדערט דער טוץ. — און איך האב נישט באוויזען דעם אדרעס צו פארשרייבען! !

ניט אומזיסט פרעהט ער זיך

אטענס, דעצעמבער, 15.

ניט אומזיסט האט דער גריכישער קעניג קאנסטאנטין דערפרעהט זיך ווען מען האט איהם אנגעזאגט אז דאס גריכישע פאלק וויל איהם צוריק האבען פאר איהר געזאלבטען.

א גריכיש - ענטשיידונג וועלכע איז דא היינט ארויסגעגעבען געוואר[illegible] אויטאריזירט דער מאדאם מאנאס, די פרוי פון דעם פארשטארבענעם קעניג אלעקסאנדער, צו ווערען די [illegible] איינענטימערין פון דעם פארמעגען [illegible] דער קעניג האט איבערגעלאזען. דער פארמעגען, ווערט געשאצט, אז [illegible] אין דעם ווערט פון צוויי מיליאן [illegible] מאס (ארום פיער הונדערט טויזענט דאלאר) און באשטעהט הויפטזעכליך פון בארעם געלט און צירונג.

א שווערער „דזשאב" דער קעניג איז פארבונדען מיט ריזיקע. אבער [illegible] באצאהלט זיך.

מען רעדט ניט וועגען דעם, אבער עס קומט פאר

דזשארדזש אינגליש, א [illegible] סאלדאט, וועלכער האט זיך שוין אויסגעצייכענט אויפ'ן שלאכטפעלד, [illegible] זיך אבער זעהר שטארק אויסגע[illegible] אין ציווילען לעבען. ער איז [illegible] פאר'משפט געווארען צו צוויי יאהר פעניטענשערי פאר [illegible] מען רופט ניט אן מיט'ן נאמען אין שטענדיגער געזעלשאפט.

עקזימא
[illegible]

ווערט א לעזער פון אידישען זשורנאל

לעזט אייער טעגליכע צייטונג וועלכע באקאנט אייך מיט דעם וואס עס טוט זיך ארום אייך

לעזט יעדען פריהמארגען אויסער די אידישע נייעס פון דער גאנצער וועלט וואס ערשיינען אין „זשורנאל" מיט דריי טעג פריהער ווי אין אנדערע צייטונגען, אויך נייעס פון אייער אייגענער שטאדט און פון אנדערע קאנאדער שטעדט און שטעדטלאך ארום אייך, און פון איבער'ן גאנצען לאנד.

לעזט אין „אידישען זשורנאל" די וויכטיגסטע נייעס ארויסגענומען פון די פוילישע - אידישע צייטונגען וואו דער „זשורנאל" גיט איבער אלעס וואס עס פאסירט אויף יענער זייט ים. וואו איהר זענט אזוי שטארק פאראינטערעסירט.

לעזט אונזערע נייעסען און פאטירונגען וואו איהר געפינט דאס אינטערעסאנטסטע וואס עס קומט פאר אויף דער גאנצער וועלט

לעזט אונזערע קארעספאנדענציעס פון פוילען, וועלכע ווערען ספעציעל געשריעבען פאר'ן „זשורנאל" וואו עס שפיגעלט זיך אפ דאס פויליש־אידישע לעבען.

לעזט יעדען מיטוואך אונזער פיטשור „די ביהנע" וואו איהר געפינט אלע מאל עטוואס נייעס וועגען טעאטער, ווי אויך וועגען דעם וואס מען שפילט אין אונזערע שטאדטישע טעאטערן.

לעזט דעם „זשורנאל" יעדען טאג, און זייט זיכער אז איהר לעזט קאנאדעס אידיש - נאציאנאלע צייטונג, וואס איז פאראינטערעסירט צו געבען איהרע לעזער אלעס וואס אין קאנאדע פאסירט.

ווערט א לעזער היינט
אויב איהר זייט עס נאך ניט